ביי די אשכנזים איז דא רוב אין פיוטים אויך ביי ברכות קריאת שמע. רייט. אדער שוין ביי... איך מיין ביי סוף נשמת, אנשטאט שפתי תפתח איז אויך געווען אסאך פיוטים.

**Speaker 2:**

יא.

**Speaker 1:**

אקעי, באט דער רמב"ם ברענגט נישט קיין פיוטים. אפילו ס'איז דא וועגן דעם תשובות פון רמב"ם, צו מ'האט שוין געזאגט אין זיין צייט פיוטים, באט ער האט נישט געהאלטן בעצם דערפון. אקעי.

באט ביי די חכמי ספרד זעט מען די וואס זענען געווען קעגן פיוטים, אזוויי אבן עזרא. שטייט אז דער רמב"ם אויך.

**Speaker 2:**

אבן עזרא האט נישט געהאלטן דערפון.

**Speaker 1:**

אבן עזרא האט געהאלטן אז די נוסח התפלה דארף זיין געשריבן באופן לשון מקרא, אין א קלארע לשון, און נישט...

**Speaker 2:**

יא, אבער אבן עזרא איז נישט געווען קעגן זאגן פיוטים ביים דאווענען. ער האט אליינס געמאכט פיוטים וואס מ'זאגט ביים דאווענען. ער איז געווען קעגן רבי אלעזר הקליר'ס פיוטים, ער האט געהאלטן אז ער שרייבט נישט גוט.

**Speaker 1:**

דער רמב"ם, יא, ס'איז נישט אין דעם נושא, אבער בקיצור, דער רמב"ם האט יא געשריבן אפאר תשובות וואס ער איז זיך מתנגד צו די תוכן פון די פיוטים. מורי הרב האט שוין געשריבן אז אסאך פיוטים זאגן שטותים על הקב"ה, וואס איז גארנישט אמת, און ס'איז בכלל נישט ריכטיג. וואיך האט ער געהאלטן אז ס'פעלט נישט אויס, מ'דארף זאגן וואס חכמים האבן מתקן געווען.

**דיסקוסיע: די פראבלעם פון לשון אילג אין פיוטים**

**Speaker 1:**

יא, זאגן פיוטים בלשון אילג, דאס איז זיכער נישט גוט, ווייל מ'רייסט אונטער די גאנצע יסוד פון תפילה. די גאנצע תפילה איז אז מ'זאל נישט רעדן בלשון אילג, און אז דו מאכסט מענטשן זאלן זאגן נאר די ווארט "קוצץ בן קוצץ", זיי ווערן עקסייטעד ווייל עפעס א גראם האבן זיי געכאפט, אויסער דעם ממש דער פיוט רעדט נישט צו זיי.

**Speaker 2:**

יא, דאס איז סתם א מחלוקת אינטערנעל צו וואס איז לשון אילג.

**Speaker 1:**

דער בלאזער הקדמה האט נישט גע'פסק'נט אז ס'איז לשון אילג.

**Speaker 2:**

אוודאי נישט, אבער איך זאג אז אויב דער עולם זאגט עס בלשון אילג, ווייל דער עולם איז נישט באקוועם מיט די ווערטער, אדער כאפט מען עס נישט, אדער ווייסט מען בכלל נישט וואס דארט שטייט, אויסער ווען ס'איז א גראם, אדער ער לאזט די אלף בית, כאפט מען עפעס ממש...

איך זאג נישט אז וועגן דעם זאל מען נישט זאגן פיוטים, און וועגן דעם זאל יעדער איינער דורכלערנען די פיוטים אמאל. ס'איז אוודאי א שאלה צו זאל דער בית מדרש יואל משה מאכן א שיעור אויף פיוטים. בעזרת השם, איינע פון אונזערע פראדזשעקטס איז נישט נאר מאכן א שיעור אויף פיוטים, נאר מאכן נייע פיוטים. די גאנצע איידיע איז "המחדש בכל יום תמיד". א נייע פיוט. דער חתם סופר האט דאך געמאכט אמאל נייע פיוטים, ס'איז אויך א זאך.

דער זיידע, ר' הערשעלע, האט געזאגט אז ער וואלט געוואלט מאכן א נייע פיוט אויף ראש השנה. ער האט געזאגט, וואס קען ער נישט וואס די ראשונים וואס האבן געמאכט פיוטים קענען? זיי האבן געמאכט על פי קבלה, ער קען אויך קבלה. זיי האבן געקענט גוט שרייבן, ער קען אויך גוט שרייבן. ער מיינט אבער אז איין זאך וואס זיי האבן געקענט וואס ער קען נישט, ער קען נישט מאכן אז ס'זאל אריינגיין אין די מחזור. סאו, די ווארט איז... שוין.

**הוספות דעשרת ימי תשובה: "נהגו רוב העם"**

**Speaker 1:**

עניוועי, לאמיר לערנען וואס ס'שטייט דא. איז אזוי, קודם גייט מען לערנען די... איך גיי פארזאגן עפעס ליינט... מ'האט שוין געזאגט יישר כח פאר די נדבנים? שוין, יישר כח פאר די נדבנים, פאר ר' יואל, יואל'יש, וויאזוי גייט מען אים היינט רופן... אונזער נדבן, און אלע אנדערע אידן וואס העלפן ארום.

און אזוי, סאו, עשרת ימי תשובה איז דא געוויסע הוספות וואס מ'לייגט צו. נישט ווען עס... דער רמ"א האט שוין דערמאנט דאס, מיין איך, בקיצור, אין די נוסח אין הלכות תפילה. לכאורה דארט האט ער צוגעקומען צו זאגן אז מ'מעג מוסיף זיין. ס'איז דא געוויסע מערערים אויף די הוספות. בעצם שטייט אין די שולחנות הראשונות און די שולחנות האחרונות אז מ'איז נישט מוסיף. אבער דער מנהג איז אז יא מוסיף צו זיין. ס'איז דא פארשידענע תירוצים אין די ראשונים שוין פארוואס ס'זאל מעגן.

**דיסקוסיע: פארוואס מ'לייגט צו אין די ערשטע און לעצטע ברכות**

**Speaker 1:**

די קשיא איז נישט פארוואס מ'מעג, די קשיא איז פארוואס דוד האט עס מתקן געווען דא. וואלט איך עס געקענט מתקן זיין ביי שומע תפילה אדער א פלאץ וואו ס'איז פאסיג. פארוואס גייסטו אנטקעגן די תקנה אז מ'זאל נישט מוסיף זיין אין די ערשטע און די לעצטע?

די תירוץ איז אז ס'פאסט יא דא, נאר ס'איז דא א למדנ'ישע קשיא אז מ'טאר נישט. די תירוץ איז, דער ציבור מעג יא, ווען מ'זאגט נישט מוסיף זיין מיינט מען אז א יחיד זאל נישט מוסיף זיין, וכדומה.

**דער רמב"ם'ס קאטעגאריעס פון מנהגים**

**Speaker 1:**

איז עניוועי איז אזוי, זאגט דער רמב"ם, **"נהגו רוב העם"** - דאס איז שוין א מנהג, ס'איז נישט א מנהג פון יעדער איינער, ס'איז א מנהג רוב, רוב כלל ישראל פירט זיך, פירט זיך די ראשונים בשם יום טוב צו לייגן אין יעדע איינע פון די תפילות די פיוטי רשות, אפשר פינף, מ'וועט לאמיר זען וויאזוי זיי ציילן.

איז אזוי, אין די ערשטע ברכה... איינער האט אמאל געמאכט עפעס א מחקר, ווען דער רמב"ם זאגט "רוב העם", צו האט דער רמב"ם זיך ממש געגאנגען נאכפרעגן ביי ווייטע קהילות, אדער ער מיינט צו זאגן די פלעצער וואו ער איז געווען? ווייל ס'איז דא פלעצער וואו ער זאגט "כל הקהילות", ס'איז דא פלעצער וואו ער זאגט "מקצת", ער האט א דיוק אין דעם. ער זאגט נישט קלאר "מנהג ספרד", "מנהג"... אמאל זאגט ער יא, ער קען אמאל אויך זאגן וועלכע שטאט מ'טוט א געוויסע זאך. אבער ס'וועט זיין אמאל אינטערעסאנט צו טראכטן.

דא אין הלכות תפילה, ס'איז דא לכאורה פיר קאטעגאריעס: ס'איז דא וואס איז מנהג כל ישראל, וואס ער רופט עס "נהגו העם" אדער "כל העם" אדער... נאכדעם איז דא זאכן וואס איז "יש נוהגים ויש נוהגים", דאס איז גאנץ אן אנדערע זייט. ס'איז דא אפילו קלענער פון דעם, ס'איז דא "נהגוני", יא, אזוי ווי מנהג רבותי. נאכדעם איז דא "נהגו רוב", און אפשר איז דא וואס ער זאגט "נהגו מקצת". למשל, אז דו ווילסט זאגן פרשת שירת הים האט ער געזאגט, מער נישט מקצת נוהגים, ס'האט אויסגעקוקט אביסל ווי ער האט געשריבן... "ויש יחידים שאומרים שניים", אזא לשון איז נישט דא אין הלכות תפילה.

**דיסקוסיע: וואס מיינט "רוב העם" ביים רמב"ם?**

## Speaker 2:

יא, סאו מסתמא האט ער געוואוסט, מסתמא ווען ער זאגט דא "רוב העם" מיינט ער רוב אידן וואס ער האט געהערט, ער האט געזען אין ספרים.

## Speaker 1:

מיין שאלה איז צו מ'ווייסט אז דער רמב"ם האט זיך געגאנגען נאכפרעגן וואס ס'גייט פאר אין ווייטע קהילות, למשל דער רמב"ם האט געוואלט וויסן וואס מ'טוט אין אלכסנדריא און אין תימן, אדער ווען ער שרייבט "רוב העם" מיינט ער אלעס פון די מענטשן וואס ער האט געוואוסט, פון די קהילות וואס ער האט געוואוסט, פון די ספרים וואס ער האט געלערנט?

## Speaker 2:

קוק, איך ווייס נישט. ער ברענגט יא למשל "מנהג יוראפ", יא? "אורח אדום". ער זאגט אין געוויסע פלעצער איז איין מנהג, און די ספרדים האבן אן אנדערע מנהג. ס'איז נישט אזוי שווער צו וויסן אזעלכע זאכן. דו קענסט מיר זאגן היינט, ס'איז דא זאכן וואס רוב אידן טוען, און ס'איז דא זאכן וואס די היימישע טוען נישט, און ס'איז דא זאכן וואס האלב טוען. ס'איז נישט אזוי שווער צו וויסן.

אבער ס'איז נישט עקזעקטלי אזוי, ווייל למשל איינער וואס וואוינט למשל אין, איך ווייס נישט, לאמיר זאגן, אין א סקווערער שטעטל אדער אין קרית יואל, ער וועט זאגן "אלע אידן", ער וועט מיינען בדרך כלל אן אנדערע מציאות ווי איינער וואס וואוינט אין לאס אנדזשעלעס וואס זאגט "אלע אידן".

## Speaker 1:

דער רמב"ם אין רוב עם מיינט מסתמא מער די ספרים וואס ער לערנט, די ספרי המנהגים. ער האט נישט געמאכט א סאציאלאגישע אבזערוועישאן.

## Speaker 2:

אין די סידורים וואס ער האט געקוקט און די ספרים וואס ער האט געזען, זעט ער...

## Speaker 1:

יא. ער פרעגט מענטשן, אבער ס'איז זיכער נישט געווען מיט צמצום אזויווי איינער וואס ווייסט נאר זיינע דריי מענטשן. דאס הייסט, ער האט געוואוסט וואס מ'טוט אין אנדערע פלעצער.

**"רוב העם" מיינט די וואס דאווענען כהלכה**

## Speaker 1:

אבער רוב עם מיינט ער אויך פון די וואס דאווענען כהלכה. ער האט נישט אריינגענומען דארט קיין מנהג עם הארצות אדער סתם ווייל עפעס איז געווארן נעגלעקטעד, ווייל דער רמב"ם האט נישט אנגעקוקט ווי א מנהג.

יא, ס'איז דא פלעצער וואס ער זאגט קלאר, אז אין הלכות חלה, געדענקסט אין הלכות חלה זאגט ער, ס'איז דא א מנהג א גמרא, "ובו רואי לא עליי", און בזמן הזה ראיתי מנהגים משונים, לא ראוי לעשות כזה, און מ'זאל זיך נישט פירן אזוי. ער ברענגט אסאך מאל מנהגים וואס איז נישט גוט. למשל, אפילו אויף די זאך פון זאגן אלע ברכות ההודאה פון צופרי, "הנותן", ער זאגט אז מ'טוט אזוי, אבער ס'איז נישט גוט, ס'טאקע טויג נישט.

**ווען דער רמב"ם ברענגט א מנהג איז דאס א הסכמה**

## Speaker 1:

אבער ס'איז זייער קלאר, ווען דער רמב"ם קומט און דו האסט יעצט א קלארקייט, ווען דער רמב"ם ברענגט א מנהג, אפילו ווען ער זאגט ס'איז נישט מנהג רוב ישראל וואס איז אפשר מחייב, איז דאך אלץ א געוויסע הסכמה פון רמב"ם, און דאס איז א לעגיטימע מנהג. און ער זאגט, ער טרעפט א וועג, למשל מיטן זאגן "רוב עם", גיט ער דאך אזא רמז אז אזוי קומט עס, אזוי טוען רוב אידן, ממילא איז עס א גוטע זאך. און ער האט א וועג פון מרמז זיין, און וויאזוי ער איז מסביר די מנהג, אז ער האט נאכגעקוקט, "ווילסט זיך פירן אזוי ווי מיר, טו עס". און ער גיבט אבער אויך א וועג ארויס, דאס הייסט, ער מיינט צו זאגן, "ביי אונז פירט מען זיך נישט". ער זאגט נישט ס'איז מצוות חכמים אדער עפעס, אבער מ'זאל עס טון.

איך מיין אז ס'איז פון תקנת הגאונים די זאכן, אזוי זאגט מען, עט ליעסט פאר'ן רמב"ם.

## Speaker 2:

ס'איז מן הגאונים, יא.

## Speaker 1:

סאו דער מנהג איז אזוי, דו ווילסט זאגן?

## Speaker 2:

איך האב געזאגט?

## Speaker 1:

אקעי. לאמיר נעמען אביסל.

**די הוספות אין שמונה עשרה דעשרת ימי תשובה**

**ברכה ראשונה: זכרנו לחיים**

## Speaker 1:

דער מנהג איז צוצולייגן אין אלע תפילות, ס'איז שחרית, מנחה, מעריב, מוסף, עני תפילה וואס מ'זאגט אין עשרת ימי תשובה, זאגט מען אזוי: אין די ערשטע ברכה לייגט מען צו, און דער רמב"ם כדרכו לייגט סיי די הוספה און סיי אזוי ווי די המשך הברכה, אבער זאלסט וויסן וויאזוי ס'גייט אריין.

ער זאגט מ'זאגט **"זכרנו לחיים, א-ל מלך חפץ בחיים"**, ער שטייט נישט א-ל, **"וכתבנו בספר חיים, למענך אלקים חיים"**. יא, דאס זאגט ער, **"זכרנו לחיים, מלך חפץ בחיים"**, ס'איז נאך די ווארט א-ל, און נאכדעם פירט מען אויס די ברכה, **"מלך רחמן המושיע והמגן, ברוך אתה ה' מגן אברהם"**.

דאס גייט דאך אויף די מדרש אז אין די עשרת ימי תשובה קען מען נאך טוישן. ס'איז אזוי ווי א מענטש קוקט זיך אן ווי א בינוני, און ער זאגט ער

זאל נאך תשובה טון, און מיט די תפילה אפילו, די תפילה קען זיין דאס וואס וועגט איבער.

## Speaker 2:

יא, ס'איז אזוי ווי א שטיקל דין, א מענטש איז אייביג אזוי ווי דער רמב"ם האט געזאגט, מחצה זכאי ומחצה חייב, און ער קען מכריע זיין. סאו ער בעט מיט די תפילה, יא. ער ברענגט דאס, אז מ'איז מרבה בתפילה אין עשרת ימי תשובה, און עניני תשובה.

## Speaker 1:

יא, יא, יא.

#### ברכה שניה: מי כמוך

## Speaker 1:

אקעי, אין די צווייטע ברכה לייגט מען צו די שטיקל **"מי כמוך אב הרחמים זוכר יצוריו ברחמים לחיים"**. ביי אונז דא וואס זאגן "לחיים ברחמים, לחיים ברחמים לחיים", סעים טינג. און מ'פירט אויס די ברכה, **"ונאמן אתה להחיות מתים"**.

ביי די אלע הוספות איז דא איין סברא אז ס'איז ווי די חתימה, און די שטיקל וואס קומט איז אזוי ווי א הקדמה צו די חתימה. ביי "מי כמוך" האט מען עס נישט, ווייל די שטיקל פארדעם איז דאך "מי כמוך בעל גבורות ומי דומה לך", סאו ס'איז ווי א הוספה צו די נוסח התפילה.

די זעלבע "זכרנו" איז "וזוכר חסדי אבות", אה, "וזוכר חסדי אבות", ס'איז גוט.

#### ברכה אכצנטע: זכור רחמיך

## Speaker 1:

נאכדעם, אין די אכצנטע ברכה, דאס איז ברכת מודים, לייגט מען צו די שטיקל **"זכור רחמיך ה' וחסדיך כי מעולם המה, כבוש כעסך, וכתוב לחיים טובים כל בני בריתך, ברוך אתה ה' הטוב שמך ולך נאה להודות"**.

זיי זאגן אז "זכור רחמיך" זאגן זיי אויף ראש השנה זאגן זיי עס יא. נאר ראש השנה, און אין א ווי עס זענען אלע פארקערט.

#### די פיר הוספות אין שמונה עשרה

## Speaker 1:

יא, יא, יא. ווארט צו.

אקעי, אין די צווייטע ברכה פלעגט מען צולייגן דאס שטיקל **„מי כמוך אב הרחמן זוכר יצוריו ברחמים לחיים"**. ביי אונז דא וואס זאגן „לחיים ברחמים", „ברחמים לחיים", סעים טינג. און מען פירט אויס די ברכה **„ונאמן אתה להחיות מתים"**.

ביי די אלע הוספות איז איין סברא אזוי ווי די חתימה מיט די שטיקל וואס קומט אזוי ביי די תורה „הקדמה ולחתימה". און די „מי כמוך" האט מען אנגעכאפט ווייל דאס שטיקל פריער זאגט מען „מי כמוך בעל גבורות ומי דומה לך", לייגט מען אזוי ווי א הוספה צו די נוסח התפילה. די זעלבע זכרינו איז „וזוכר חסדי אבות". אה, אה, זוכר חסדי אבות.

#### הוספה אין ברכת מודים

און נאכדעם, אין די אכצנטע ברכה, דאס הייסט ברכת מודים, לייגט מען צו דאס שטיקל **„זכור רחמיך ה' אלוקינו וכבוש כעסך, וחושב לחיים כל בני בריתך, ברוך אתה ה' הטוב שמך ולך נאה להודות"**. אונז זאגן די „זכור רחמיך" זאגן אונז אויף ראש השנה זאגן אונז עס יא. נאר ראש השנה, און סתם א ציבור זאגט עס. מען זאגט עס נישט ביי שטילע שמונה עשרה, מען זאגט עס נאר ביי ש"ץ.

## Speaker 2:

ניין, איך מיין אזוי.

## Speaker 1:

אבער ס'זעט אויס אז בעצם איינע פון די גרסאות פון נוסח איז... איך מיין אז דאס קומט ארויס, דער רמב"ם זאגט עס גלייך פאר „הטוב שמך ולך נאה להודות". אונז זאגן עס אביסל פריער אין די ברכה. אבער ס'קאנעקט זיך אויך אין די ברכה, ווייל דארט זאגט מען נאכדעם...

#### הוספה אין ברכת שים שלום

אה, נישט די פערטע, אין די לעצטע ברכה, דאס זאגט נישט דער רמב"ם די לעצטע ברכה. ביי די ווערי, ס'איז נישט די אכצנטע ברכה און נישט די ניינטע, נאר א גאנצע וואך. שבת זאגט מען עס דאך אויך, ס'איז די זעקסטע און די זיבעטע ברכה. און מ'לייגט מען צו **„ובספר חיים"**, יא, ווייל ס'קאנעקט זיך. דער „ו" איז א המשך צו „לטוב בעיניך לברך את עמך ישראל". **„ובספר חיים, ברכה ושלום, וזכר טוב נפקד ונזכר לפניך, אנו וכל עמך בית ישראל לחיים ולשלום"**, און מ'ענדיגט **„ברוך אתה ה׳ העושה השלום"**. ס'איז אויך, ס'פאסט זייער גוט אריין אין די...

#### פארוואס דערמאנט דער רמב"ם נישט „המלך המשפט"

דער רמב"ם האט נישט דערמאנט „המלך המשפט", ווייל ער האט עס שוין דערמאנט ביי די תפילת חול. דא זאגט ער דאך די יום טוב'דיגע דאווענען, מ'זאגט נישט „המלך המשפט". ער האט שוין געזאגט „המלך המשפט", האט ער נאר געזאגט אין די תפילה. אפילו ביי „הקל הקדוש", אפילו דארט האט ער דערמאנט אז מ'לייגט צו די פסוק, ער גייט אריין אין הלכות יום טוב נאך. יא, די פסוק „ונקדש ה׳ צבאות במשפט והאל הקדוש נקדש בצדקה".

## Speaker 2:

ער האט נישט געזאגט דא נאך שמונה עשרה?

## Speaker 1:

ניין. ער האט יא געזאגט. יעצט, וואס דו געדענקסט האט ער געזאגט דא נאך שמונה עשרה, אז בעשרת ימי תשובה זאגט מען „ונקדש ה׳ צבאות", אבער דאס האט מען געזאגט למשל דא, „ברוך אתה ה׳ המלך הקדוש". אבער ביי אים זאגט ער „המלך המשפט", זאגט ער נאר אין הלכות תפילה איז געשטאנען. אה, „המלך המשפט" איז געשטאנען אין הלכות תפילה. ער האט נישט גארנישט צוגעלייגט, ער האט נישט געהאט א פסוק אזוויי ביי „הקל הקדוש".

#### כללי'ע נקודה וועגן „סידור רמב"ם"

מ'דארף וויסן, צו מאכן א סידור רמב"ם דארף מען זיין גאנץ א גוטער בקי אין אלע חלקים, ווייל ס'איז אסאך מאל א זאך וואס קומט אפילו דא אריין, ער זאגט עס נישט נאכאמאל ווייל דו ווייסט שוין. איך האב געטרייט צו מאכן, איך האב געמאכט א הגדה פון די רמב"ם, האב איך געזען, מ'דארף טרעפן יעדע שטיקל עקסטער. למשל, די נוסח פון קידוש שטייט אין הלכות שבת, די נוסח פון ברכת המזון שטייט דא, די נוסח פון „יעלה ויבוא" שטייט אין אן אנדערע פלאץ, ווייל ער האט עס שוין געזאגט. קיצור, מ'דארף אביסל גוט זוכן.

כאטש דער רמב"ם האט עס געמאכט אזוי, ער האט נישט געוואלט ס'זאל זיין א מחזור פון די רמב"ם. האלט דיינע מחזורים אזוויי ס'איז, און די רמב"ם מוזטו לערנען אין משנה תורה. ס'איז הלכה, ס'איז רמב"ם מקוצר. ס'איז אינסטראקשענס פאר דער וואס מאכט די מחזור, ס'איז נישט קיין מחזור.

## Speaker 2:

ניין, איך זאג די רמב"ם אזוויי ער זאגט דארטן, „שאין דברי תורה... באקוועמליכקייט פאר דיר, אדער רופט זיך אן נפש". דאס איז נישט קיין רעסיפי בוך.

## Speaker 1:

ניין, דאס ווייס איך נישט. אקעי, סארי, איך בין פארלוירן די פלאץ יעצט. דא, לאמיר צוריקפארן. ניין, ניין, צוריק ארויף, ארויף. אקעי.

#### תפילת נעילה — חתמנו

אה, דאס וואס דו האסט געזאגט, דאס האט אלץ אן אים מיט די נקודה אז די בינונים זענען נישט מכריע זיין ביז נעילה פון יום כיפור, אז ממילא בתפילת

הנעילה יום הצום זאגט מען ברכות אלו, אנשטאט זכרנו לחיים זאגט מען חתמנו לחיים, אדער חתמנו בספר וכו' לכאורה.

**מנהג פלעצער וואס לייגן נישט צו**

אה, דא זאגט דער רמב"ם לא, **„כל התוספות אלו, מנהג מקומות, יש מקומות שנהגו שלא להוסיף דבר"**. אקעי, ס'איז דא פלעצער וואס זייער מנהג איז דווקא נישט מוסיף צו זיין. אז דאס איז דער ענין פון נישט מוסיף זיין ביי די שלוש ראשונות ואחרונות. אויך ווייל ס'זאגט שוין „נהגו", ס'זאגט נישט „לא נהגו להוסיף", „שנהגו שלא" איז געפירט אז נישט. יא, אז דאס איז לכאורה ווייל ס'שטייט נישט אין די גמרא, און דאס איז א שפעטערדיגע תקנה אדער א...

**„ובכן תן פחדך" — דער נוסח פון דריטע ברכה אויף ראש השנה/יום כיפור**

אקעי. יעצט איז דא נאך א מנהג, נאך א הוספה וואס מ'טוט, און ס'איז דא וואס טוען עס אין... ס'איז דא וואס טוען עס, און א גאנצע עשרת ימי תשובה. יא, ס'איז דא א מנהג פשוט, ס'איז א פארשפרייטע מנהג, נתפשט. אז אין די דריטע ברכה זאגט מען אויף די נוסח די ערשטע טעג ראש השנה אלע פיר תפילות, וכן נהגו מקצתם איז צו זאגן אלע תפילות אויך יום כיפור, אה, פאר אלע פינף תפילות פון יום כיפור. דאס איז די פיר און זיך אויך אריינצוזאגן סיי די פיר תפילות פון ראש השנה און סיי די פינף פון יום כיפור. ס'איז דא אפילו וואס זאגן עס אויך די עשרת ימי תשובה, אבער איך געדענק דער רמב"ם ברענגט נישט דא, אבער איך געדענק אז ס'איז דא אזא מנהג.

**דער נוסח**

אקעי, איז די נוסח אזוי, **„אתה קדוש"**.

**„ובכן תן פחדך ה' אלקינו על כל מעשיך, ואימתך על כל מה שבראת, וייראוך כל המעשים, וישתחוו לפניך כל הברואים, ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם, כשם שידענו ה' אלקינו שהשלטון לפניך, עוז בידך וגבורה בימינך, ושמך נורא על כל מה שבראת.**

**ובכן תן כבוד לעמך, תהלה ליראיך, ותקוה טובה לדורשיך, ופתחון פה למיחלים לך, שמחה לארצך, ששון לעירך, וצמיחת קרן לדוד עבדך, ועריכת נר לבן ישי משיחך, במהרה בימינו.**

**ובכן צדיקים יראו וישמחו, וישרים יעלוזו, וחסידים ברנה יגילו, ועולתה תקפוץ פיה, וכל הרשעה כולה כעשן תכלה, כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ".**

**דיסקוסיע: „אז" קעגן „בחיינו"**

אבער דא איז דער חילוק צווישן „אז" און „בחיינו", ווייל די רמב"ם זאגט „אז", אבער אויב מ'זאגט „בחיינו" איז עס לאו דווקא תלוי אין די גאולה. ווען ס'איז דא א מצב פון „כבוד לעמיך", אויב איז דא אין די זאל, די אידן פילן „כבוד לעמיך, תהלה לארצך, תקוה לדרושיך", איז יעצט „צדיקים יראו וישמחו". איז עס דווקא „בחיינו צדיקים". מ'האט דאך חסידים געטאנצן דא, נישט? מ'בעט א בקשה אז ס'זאל קומען די צייט פון „צדיקים יראו וישמחו". „בחיינו צדיקים" זאל עס זיין א שמחה, אז דאס געשעט שוין יעצט, ווייל ס'איז נישט „אז", נאר „בחיינו".

די פשוט'ע טייטש איז נאך אלץ ווי איך האב געזאגט, אפילו ווען ס'שטייט „בחיינו". איך זאג נישט אז צדיקים דארפן זיך נישט פרייען היינט, איך זאג נאר אז מ'געדענקט דעם פסוק, כאפט מען נישט פשוט'ע טייטש פון די תפילה. נאר איך זאג, אין „בחיינו" איז אסאך ווייניגער קלאר אז ס'מיינט אפילו לעתיד לבוא. ס'מיינט ווען ס'איז דא „כבוד לעמיך". ס'קען זיך מאכן אמאל א קורצע צייט א מצב וואו אונז איז דא „כבוד לעמיך". יעצט איז א שווערע צייט פון ניין-עלועוון, אונז אפרישיעטן נישט קיינמאל נישט אז צען יאר צוריק איז געווען רואיג, מ'האט מכבד געווען אידן, ס'איז געווען א ענין פון „תהלה לארצך".

## Speaker 2:

יא, גוט. „תהלה לארצך" מיינט אז די ניו יארק טיימס זאל שרייבן אז די אידן...

## Speaker 1:

ניין, ס'קען מיינען די גאולה, די גרויסע גאולה, אבער ס'קען אויך מיינען אויף א קליינע פארנעם. סא, יא. אבער „אריכות ימים לבניך" איז שוין אביסל א גרעסערע זאך. דאס מיינט זיכער יא די גאולה.

**„עולתה תקפץ פיה"**

בקיצור, די **„צדיקים יראו וישמחו, וישרים יעלוזו, וחסידים ברנה יגילו"** — און די רבי'ס ברידער — **„ועולתה תקפץ פיה"**.

## Speaker 2:

ניין, דאס איז „עוולה". וואס זאגט מען? „עוולה"?

## Speaker 1:

ס'מיינט „עוולה", די חפצא פון „עוולה" מיינט עס. ס'זעט מיר אויס ווי די „עוולה" פון די חסידים. לאמיר זיך נישט נארן, די ישרים און די חסידים האבן דאך אויך עפעס א שטיקל „עוולה", יא? „עוולתם אזרוע", „ועולתה תקפץ פיה" זאל מעלה ווערן.

**„ממשלת זדון" / „מלכות עליזה"**

סא, די פשוט'ע טייטש מיינט אז די מלכות הצדק, די מלכות פון די אידן, פון די קדושה, זאל געלונגען, **„וכל הרשעה כולה כעשן תכלה"**, וואס דאס מיינט די מלכות הרשעה וואס פירט אויס, **„כי תעביר ממשלת זדון"**, וואס מ'רעדט ביי „ולמלשינים", יא, „ומלכות זדון מהרה תעקר, ומלכות עליזה". אה, דער רמב"ם זאגט אזוי. די מלכות איז יעצט „עליזה", זאל זי נישט זיין אזוי „עליזה". מ'איז מרמז דעם שאנז עליזע. איך ווייס נישט צו ס'איז דא א פסוק „מלכות עליזה". „מלכות עליזה, מלכות עקשן", יא, דאס מיינט פון רומי, ווענדט זיך וועלכע פייטן. מכבה געווענליך, מלכות הרשעה געווענליך, און זיי זאגן נישט דוקא מלכות הרשעה, מלכות עליזה, יא. יא. איך מיין אז אונז אין אונזער פאל האט פשוט ליב צו זאגן אז ס'איז טאקע בחיים, ס'מאכט מער סענס אז ס'זאל זיין ביי אונז, אונז האבן אויך די בחיים איינלייגקייט פאר דעם, אה, בחיים ובחיים, און הייבן אן די בחיים.

**ראש השנה — ברכה שלישית און ברכה אמצעית**

**„ובכן תן פחדך" — המשך**

## Speaker 1:

געווענליך איז מלכות הרשעה געווענליך. אונז זאגן נישט דאס ערשטע שטיקל, נאר "ובא לציון". אונז טאפן זאגן.

יא, ס'קען מיינען אז אונזער נוסח האט פשוט ליב צו זאגן דוקא "ובכן". ס'מאכט מער סענס אז ס'זאל זיין בעת. אונז האבן אויך דא א "ובכן" ענליך צו דעם. אה, ס'איז אזא קאמפערעזאן. אה, ובכן ובכן. אונז הייבן אן מיט ובכן, אונז הייבן אן מיט ובכן.

וואס הייסט עס? דער ערשטער "יתקדש שמך". ס'איז אן ענקער ווארט וואס מ'הייבט אן א נייע שטיקל מיט דעם ובכן. און נאכדעם פירט מען אויס אזוי, **"ובכן תן פחדך"**, נאכדעם וואס ס'איז דא די גאנצע זאך. יא, **"ובכן תן פחדך ה' אלקינו על כל מעשיך"**. ובכן תן פחדך, יא.

און אונז שלאגן... מ'גייט צוריק צום אנפאנג, אה, ווי **"וידע כל פעול כי אתה פעלתו"**. "וידע כל פעול" גייט זיין שפעטער, אבער... אדער **"וייראוך כל המעשים וישתחוו לפניך כל הברואים"**. האסטו? דאס איז אויך אזא זאך, **"ובכן תן פחדך ה' אלקינו... וייראוך"**. דאס איז זייער ענליך צו... דאס זעט אויס ווי אזוי ווי א נוסח קדושה. ס'איז זייער ענליך צו וואס מ'זאגט ביי א קדושה אויך.

יענץ זעט אויס אביסל אזוי ווי "רישא דלתתא", **"ויעשו כולם אגודה אחת"**, זיי זאלן נעמען דיין מלכות, און דא דו זאלסט געבן דיין מלכות. אקעי, דאס גייט דאך די זעלבע. יא, אונז זאגן דאך **"ובכן תן פחדך ה' אלקינו על כל מעשיך... וייראוך"**. יא.

**פסוקים וואס אונזער נוסח זאגט נישט**

און דא איז דא א פסוק וואס אונז זאגן נישט. דער רמ"א זאגט דאס, **"ונגד זקניו כבוד"**. אזוי ווי ס'שטייט א פסוק, **"כי חפרה הלבנה ובושה החמה כי מלך ה' צבאות בהר ציון ובירושלים ונגד זקניו כבוד"**. אה, קענסט צולייגן די פסוק אין לשון אויב דו ווילסט. וואס מיינט עס? אז די זקני ישראל זאלן מכבד זיין עפעס אזוי.

**"ונאמר ה' אלקינו ימלוך לעולם ועד"**. אונז זאגן אויך נישט דעם פסוק. אונז זאגן "ה' ימלוך לעולם". און "ונאמר" דאס איז דער פסוק וואס אונז זאגן, **"ויגבה ה' צבאות במשפט והאל הקדוש נקדש בצדקה"**. **"ברוך אתה ה' המלך הקדוש"**.

**דער חידוש פון ראש השנה — הרחבה אין ברכה שלישית**

אקעי, דאס איז דער סוף פון... "אתה בחרתנו", גראדע. דאס איז נאך אלץ די המשך פון המלך הקדוש. זייער אינטערעסאנט. נישט אזוי ווי געווענליך וואס מ'לייגט נישט צו ביי די ערשטע דריי און מ'הייבט אן א ברכה אמצעית. איך גלייב אז ס'איז א נייע חידוש פאר ראש השנה, אז מ'לייגט צו א גרויסע לאנגע חתיכה אין די קורצע מלך, וואס געווענליך איז נאר "הקל הקדוש" ווערט "המלך הקדוש".

## Speaker 2:

איך זאג, דער רבי האט אנגעהויבן אזוי אז דאס איז אין די ברכות א... יא יא, איך מיין ער האט נישט געזאגט די פרטים, ער האט נאר געזאגט אז מ'זאגט דאס אין ברכה שלישית.

## Speaker 1:

למעשה, ס'איז א נארמאלע זאך צוצולייגן אין די ברכה שלישית. א יעדן טאג לייגט מען צו ביי "ובא לציון" אין די ברכה שלישית "פתיחה קדושה" וכדומה. ס'איז נישט... אה, "פתיחה קדושה" איז ווי אין קדושה? ס'איז דאך אויך אזוי אין קדושה. ס'איז זייער ענליך. אבער ס'קען זיין אז דאס האט צו טון מיט די טויש צו "המלך הקדוש". מ'זאגט **"ויגבה ה' צבאות במשפט"**. ס'טייטש, איינמאל מ'האט יענץ צוגעלייגט, איז פשט אז מ'האט שוין געמאכט אז דא איז דא א פלאץ צו רעדן וועגן ענינים פון ראש השנה.

ס'איז צוויי אנדערע זאכן. **"ויגבה ה' צבאות במשפט"** האט דער רמב"ם געזאגט אז מ'זאגט א גאנצע וואך. און די אלע שטיקלעך זאגט מען נישט אפילו לויט'ן רמב"ם א גאנצע וואך, נאר ראש השנה און אפשר אויך יום כיפור.

## Speaker 2:

רייט. אבער איך מיין אז ס'שטימט דאך מיט "המלך". ס'איז א גוטע חתימה, ס'איז א גוטע הקדמה צו די חתימה פון "המלך הקדוש". מ'רעדט וועגן מלכות, מ'רעדט דירעקט וועגן מלכות.

## Speaker 1:

יא. איך זאג, אבער אין קדושה זאגט מען דאך אויך אזוי, "מי כמוך חתום לא יוכל עניו". ס'איז זייער ענליך אין קדושה. ס'זעט אויס אז ס'איז די נוסח פון די דריטע ברכה. ס'איז נישט אז מ'איז אוועקגעגאנגען פון די נוסח, ס'איז נאר א הרחבה אזוי לכבוד יום טוב, לכבוד ראש השנה. אבער געווענליך טוט מען נאר די ברכה אמצ��ית. אזוווי שבת און די אנדערע ימים טובים איז נאר א ברכה אמצעית.

**דיגרעסיע — ניגונים און רווח**

איך מיין אז די תנועה'לע "אה אה אה" וואס מ'מאכט אזוי נאך יעדע שטיקל ראש השנה, מ'דארף טרעפן אזא שטיקל פאר א גאנצע רויכער, ווייל ס'גיבט אזא רווח לזבורא, נישט דו זאגסט אלץ אין איין דררררררררר.

## Speaker 2:

אויך דארף מען מאכן אזא ניגון ווען צוויי אידן לערנען צוזאמען פאר א שיעור. אההה, דאס קען מען מאכן. טראפ, איך קען מאכן א באטן.

## Speaker 1:

מ'וועט דארטן נאזן זיך מוטשענען, און די דורות הבאים וועלן זיך מוטשענען.

**ברכה אמצעית פון ראש השנה — ערבית, שחרית, מנחה**

אקעי, יעצט איז שוין ווייטער די ברכה אמצעית.

## Speaker 2:

זאלסטו מיר זאגן, אדער איך זאל דיר זאגן?

## Speaker 1:

איך קען זאגן, די ברכה אמצעיתא פון ראש השנה ביי ערבית, שחרית און מנחה, די מיטעלסטע ברכה, די ברכה וואס מ'טוישט אלץ שבת און יום טוב, וואס דאס איז אנשטאט די אלע ברכות פון בקשה פון די וואכן, דאס איז די ברכה אמצעיתא פון ראש השנה ביי אלע דריי תפילות, איז מען הייבט אן מיט ענליך צו שבת, קודם דאנקט מען דעם אייבערשטן אויף די בחירה מכל העמים און באקומען די תורה ומצוות, **"אתה בחרתנו מכל העמים ורצית בנו מכל הלשונות, קדשתנו במצוותיך וקרבתנו מלכנו לעבודתך ושמך הגדול והקדוש עלינו קראת"**. דורך געבן די תורה האט דער אייבערשטער קורא געווען אויף אונז זיין נאמען, האט ער אונז גערופן אלקי ישראל וכו'.

**קשיא — פארוואס צוויי מאל "את"?**

**"ותתן לנו ה' אלקינו את יום טוב מקרא קודש הזה, את יום הזכרון הזה"**. די לשון, פארוואס שטייט צוויי מאל "את"? "את יום טוב", "את יום הזכרון"? ווייס איך נישט.

## Speaker 2:

דאס איז דאך ביי יעדע יום טוב, ביי דעם... יא, יא, "זכרון תרועה" ביי אהבה, "זכרון תרועה".

## Speaker 1:

דער יום טוב ראש השנה ווערט אנגערופן "זכרון תרועה", אז דער אייבערשטער געדענקט די אידן דורך תרועה, צו וואס? "זכר ליציאת מצרים".

**"זכרון תרועה" ענליך צו "זמן חירותנו"**

## Speaker 2:

די "זכרון תרועה" איז אזויווי די מקביל פון "זמן חירותנו", רייט? אזוי יום טוב. אדער איז דא וואס אונז זאגן אונז נישט, אונז זאגן "זכרון תרועה" נאר ווען ס'איז שבת, אדער "יום הזכרון".

## Speaker 1:

מיר זאגן דאס, "את יום הזכרון", "זכרון תרועה".

**"אלקינו ואלקי אבותינו מלוך על כל העולם"**

און דא זאגט מען די "יעלה ויבוא" וואס דריי מאל האט מען שוין פריער געזאגט די נוסח, און מ'גייט ווייטער אזוי, **"אלקינו ואלקי אבותינו, מלוך על כל העולם כולו בכבודך, והנשא על כל הארץ ביקרך, והופע בהדר גאון עוזך על כל יושבי תבל ארצך"**. אלע דריי זאכן טייטש אז דער אייבערשטער זאל מגלה זיין זיין מלכות, זיין שיינקייט, זיין טייערקייט. **"וידע כל פועל כי אתה פעלתו, ויבין כל יצור כי אתה יצרתו, ויאמר כל אשר נשמה באפו ה' אלקי ישראל מלך ומלכותו בכל משלה"**. די דריי זאכן זאגט אויך די זעלבע זאך, אז אלע באשעפענישן זאלן מודה זיין אין די מלכות שמים.

און נאכדעם ענדיגט מען מיט די געווענליכע תפילה וויאזוי מ'ענדיגט שבתים און ימים טובים, "קדשנו במצוותיך", און די ענדע ענדיגט מען אזוי, **"דברך אמת וקיים לעד"**.

**דיסקוסיע — וואס מיינט "דברך אמת וקיים לעד"?**

וועלכע דברך? דאס איז דער אייבערשטער האט... נו, איך ווייס נישט, דברך אמת איז די תורה? אלע זיינע דברים זענען אמת, אויף וועלכע ס'מיינט דא? וואס מיינט מען דא ספעציפיש? איך ווייס נישט. דו פרעגסט א גוטע שאלה.

וויאזוי גייט די ברכה ווייטער? **"ברוך אתה ה' אלקינו מלך כל הארץ מקדש ישראל ויום הזכרון"**. אפשר איז דא א רמז אז ווען מ'גייט בלאזן שופר גייט דער אייבערשטער געדענקען, אזוי ווי ס'שטייט "ותקעתם בחצוצרות", נו, וויאזוי שטייט די לשון הפסוק? ווען מ'גייט בלאזן שופר גייט ארויסקומען זכרון לפניו.

## Speaker 2:

יא, אבער דא רעדט מען נאכנישט פון דעם, דא רעדט מען פון מלכיות, מ'האט נאכנישט דערמאנט... יא, מ'האט דערמאנט זכרון תרועה, איך ווייס נישט וואס די דברי חיים זאגט דא ספעציפיש.

## Speaker 1:

ניין, דאס מיינט עפעס אנדערש.

## Speaker 2:

וואס איז די טייטש?

#### רש"י'ס פירוש — "דברך נצב בשמים"

## Speaker 1:

זאגט דער הייליגער רש"י... איך האב דא רש"י. רש"י זאגט אזוי: **"סומך על מה שכתוב בסתיקת לעולם ה' דברך נצב בשמים"**. אז דאס מיינט די דין פון ראש השנה, אז דער אייבערשטער האט גע'משפט'ט אדם הראשון, און ביי די ענין איז ער דן די אלע דורות לדורי דורות, און זיי זענען יוצא בדימוס. רש"י זאגט אז דאס מיינט "דברך", "דברך נצב בשמים".

ס'איז אינטערעסאנט וויאזוי ס'קומט דא אריין, ווייל ס'פעלט די גאנצע הקשר, ער האט נישט געזאגט פארדעם... דו זאלסט גוט אריינקומען ערגעץ וואו מ'רעדט וועגן די דין פון ראש השנה, ווייל ס'איז ממש נישט דערמאנט. אפשר איז דא אן ענין אז מ'זאל עס דוקא דערמאנען אזוי ברמז די ענין פון דין פון ראש השנה. אז דאס מיינט די דין פון ראש השנה איז דא ברמז, ווייל מ'זאגט נישט קלאר אין די תפילה, אין די אנהייב תפילה, אז דער אייבערשטער איז היינט דן, נאר טאקע אזויווי דו זאגסט, מלכיות זכרונות שופרות.

#### פירוש על פי חסידות — "דבר ה'" מיינט די בריאה

אפשר איז עס אזוי ווי, אממ... אקעי, על פי חסידות, אזוווי מ'זאגט די בעל שם טוב, "דברך אמת", "דבר ה'" מיינט דאך די בריאה, דער אייבערשטער איז אלעס, דאס איז אמת וקיים.

#### פירוש פארבונדן מיט מלכות — צוזאג פון גאולה

## Speaker 2:

אויב מ'וויל עס מער מקשר זיין מיט די ברכה, קען מען זאגן אז דער אייבערשטער איז געווען דער מלך פון די אידן, און ס'איז דא א גלות, און מ'בעט אז ס'זאל זיין נאכאמאל גילוי כבוד ה', ווייל "דברך אמת וקיים לעד", אז דו גייסט נאכאמאל אויסלייזן און דער אייבערשטער גייט נאכאמאל זיין מלך.

## Speaker 1:

מ'זאל אפשר... יא, ס'שטימט מיט דעם "מכריזים בקול משאלה", דער אייבערשטער איז אלקי ישראל מלך, "מכריזים בקול משאלה", און "דברך אמת וקיים לעד" אז אייביג זאל זיין. מען זאל אייביג זען אז מלכותו ברצון משלה, אז אלקי ישראל איז דער מלך.

#### פארגלייך מיט ברכת ההפטרה

און מ'זאגט נאך עפעס ענליך ביי די ברכה פון די הפטרה, אמת, "דברך מלכנו", וואס זאגט מען? **"נאמן אתה הוא ה' אלקינו ונאמנים דבריך, ודבר אחד מדבריך אחור לא ישוב ריקם, כי א-ל מלך נאמן ורחמן אתה"**, אדער "נאמן בכל דבריו". ס'איז ענליך. אבער יעצט רעדט מען פון די הבטחות פון די נביאים, וואס ווען מ'ווייסט נישט וואס ס'מיינט איז שווער צו זאגן די ווארט "דברך אמת". אמת, "והוקיך אמת", אבער "פוקד עון אבות על בנים".

## Speaker 2:

איך מיין אז מיין פשט איז נישט אזוי שלעכט, ווייל ס'איז מער פשוט, אז ס'איז קאנעקטעד מיט די "מלכותו ברצון משלה" וואס מ'פאדערט.

## Speaker 1:

אזוי ברענגט דער בית יוסף אין כל בו כתוב אז דער אייבערשטער האט צוגעזאגט אזויפיל זאכן, "ואין אנו גולי שתיקה לכולא, ואדרבא, המליכהו", בעט מען ער זאל טאקע אזוי טון. איז די פשט, די צווייטע פשט מאכט סענס.

#### דער רמב"ם'ס נוסח — "ואנחנו עמך"

אקעי, דער רמב"ם זאגט אונז נישט וויאזוי מ'ענדיגט די "קדשנו במצוותיך", ער זאגט "ואנחנו עמך ה' אלקינו את יום תרועה הזה", אדער וויאזוי? "את יום הזכרון הזה". יא, אינטערעסאנט. געוועגליך זאגט ער אויך דאס, אבער ער רעדט, אויך פריער האט ער אזוי געזאגט ביי "קדשנו במצוותיך", ווען ער איז געגאנגען צו די ענד האט ער נישט געזאגט פונקטליך וואס מ'טוט די איסוף. אפשר פלעגן זאגט מען גארנישט, אפשר פלעגן זאגט מען "א חילוק, קדשנו במצוותיך ושים חלקנו בתורתך", ניין, אפשר זאגט מען בכלל נישט "סוכה". די הלכה איז דאך "ואנחנו עמך". פארוואס זאגט מען אויף שבת "ואנחנו עמך גוטע שבתים"? איך מיין, דער רמב"ם וועט דאך אונז זאגן, אזוי ווי... דער רמב"ם וועט דאך אונז זאגן וואס ס'וועט געווארן.

אקעי, איך ווייס נישט וואס איך האב געזאגט. יא, ווייטער.

**"מלך על כל הארץ קדש ישראל ויום הזכרון"**.

#### מוסף ראש השנה — אנהייב

און יעצט גייט דער רמב"ם זאגן, מוסף ראש השנה ווייסן מיר דאך שוין, דער רמב"ם האט אונז שוין פריער געזאגט אז ס'האט מער תפילות, ס'האט די מיטלסטע איז דא, ס'איז נישט זיבן ברכות נאר ס'איז ניין ברכות, יא. גייט אונז דער רמב"ם זאגן די נוסח פון מוסף ראש השנה.

הייבט מען אן די זעלבע... נאך המלך הקדוש גייט מען צו "אתה בחרתנו" און מ'זאגט די נוסח פון מצרים, און מ'זאגט די נוסח פון מוסף, **"ומפני חטאינו גלינו מארצנו"**. "אתה בחרתנו" איז די זעלבע, **"אתה בחרתנו מכל העמים"**, **"ותתן לנו ה' אלוקינו באהבה את יום"**, דא איז יא אנדערש ווי די געוועגליכע מוסף פון די אנדערע ימים טובים, ווייל מ'זאגט **"את יום הזכרון הזה, את יום טוב מקרא קודש הזה"**, און נאכדעם זאגט מען **"אלוקינו ואלוקי אבותינו מלוך על כל העולם כולו בכבודך"**.

#### תפילת מוסף דראש השנה — מלכיות

#### מבנה המוסף דראש השנה

**Speaker 1:** הייבט מען אן די זעלבע, נאך המלך הקדוש גייט מען צו אתה בחרתנו, זכר ליציאת מצרים, און מ'זאגט די נוסח פון מוסף, ומפני חטאינו גלינו מארצנו, עד מתי יום טוב. דא איז יא אנדערש ווי געוועגליכע מוסף פון די אנדערע ימים טובים, ווייל מ'זאגט יום הזכרון הזה, ומתחלה לא תתננו ה' אלהינו, וכו' זכר למשה עבדך. און ביז דא איז אזוי ווי אלע ימים טובים, און דא הייבט זיך אן די נוסח פון מלכיות.

איז די נוסח אזוי, די נוסח איז א נוסח פון מלכיות, ווער האט עס געמאכט, אנשי כנסת הגדולה אדער חכמים, פריערדיגע חכמים.

**Speaker 2:** אה, שטייט אויף עלינו, שטייט יהושע בן נון איז מחבר געווען עלינו.

**Speaker 1:** אה, דאס איז דאס וואס איך האב געמיינט צו זאגן, יא, ווי שטייט, שטייט אין חז"ל אזוי?

**Speaker 2:** על כל פנים.

#### עלינו לשבח — דאנק פאר אונזער אויסדערוועלטקייט

**Speaker 1:** **עלינו לשבח לאדון הכל, לתת גדולה ליוצר בראשית, שלא עשנו כגויי הארצות, ולא שמנו כככל משפחות האדמה, שלא שם חלקנו כהם וגורלנו ככל המונם.** מ'דאנקט דעם אייבערשטן אז מיר זענען נישט אזוי ווי אלע גוים, וואס די אלע גוים זענען נעבעך אזוי נאריש, אזוי

**שהם משתחוים להבל וריק, ומתפללים אל אל לא יושיע,** זיי דינען עבודה זרה, זיי זענען מתפלל צו א גאט וואס קען נישט העלפן.

**ואנחנו**, אונז זענען מיט די... גייט צוריק צו עלינו לשבח, אונז זענען מיט די אויסדערוועלטע, אונז דאנקען אויף דעם אז אונז זענען מיט די וואס קענען יא טון די ריכטיגע זאך, אונז זאגן **ואנחנו כורעים ומשתחוים ומודים לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא. שהוא נוטה שמים ויוסד ארץ,** ער גייט דא צוריק צו די יוצר בראשית, ער וואס האט באשאפן די וועלט, **מושב יקרו בשמים ממעל, ושכינת עוזו בגבהי מרומים,** ער איז גרויס, ער איז מושל אויף אלע וועלטן, זיין כסא הכבוד איז בשמים ממעל, און ער איז נאך אלץ שכינת עוזו, זיין שכינה, זיין גבורה איז בגבהי מרומים. **הוא אלהינו ואין עוד, אמת מלכנו ואפס זולתו, ככתוב בתורתו וידעת היום והשבות אל לבבך כי ה' אלוקים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד.**

**דיון: פארוואס זאגט מען "ככתוב בתורתך"?**

א פסוק וואס זאגט טאקע אז ס'וואלט נישט געשטאנען קיין פסוק וואלט מען נישט געוואוסט, אהה?

**Speaker 2:** אקעי. וואס ברענגט ער א פסוק אויף דעם?

**Speaker 1:** ככתוב בתורתך, אזוי ווי דער פסוק זאגט עס אין די שענסטע ווערטער. ער וויל זאגן די לשון הפסוק, ווייל אנשטאט צו זאגן זיינע אייגענע ווערטער, קען ער דאך זאגן די לשון המקרא. אבער ככתוב בתורתך, ער וויל עס נישט סתם אריינלייגן אזוי ווי סתם א חלק פון זיין פיוט.

**Speaker 2:** ניין?

**Speaker 1:** אקעי. ניין, די אלע, דאס איז בעצם שוין פארט פון די וואס מ'זאגט פריער אזויפיל מאל, יא. אבער דא איז דא ממש הלכה אז מ'דארף מאכן די הפסק, און באלד וועט מען ממש מאכן די ליסט.

**Speaker 2:** אהא.

**Speaker 1:** לכאורה, איך ווייס נישט, איך דארף פארשטיין דאס. אפשר וויל ער העלפן די פסוק, אפשר העלפט ער נישט, אפשר העלפט ער די פסוק. נישט נאר אונז זאגן, נאר אזוי, די פסוק איז דער וואס זאגט אונז אויך דאס.

**Speaker 2:** על פי חסידות איז פשט א טייטש, ס'איז ראשך ככרמל, וואס טייטשן די גאנצע תורה שמע ישראל, יא.

**Speaker 1:** ניין, ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך וואס ער זאגט ככתוב בתורתך, אז מיר זאלן מיר דאס דערמאנען. ווייל **"וידעת היום והשבות אל לבבך"** איז דאך א מצוה אז דו זאלסט דערמאנען, דו זאלסט געדענקען אז **בשמים ממעל ועל הארץ מתחת.** מיט דעם וואס איך האב עס יעצט געזאגט, האב איך געטון די מצוה פון די תורה, אזויווי, ס'איז אזא סארט זאך, ניין?

**Speaker 2:** יא, בעיקר ווייל "וידעת היום והשבות אל לבבך" איז א חיוב.

**Speaker 1:** ס'זאגט נישט נאר, ס'זאגט אזא מצוה, אזא... וואס אונז זענען מיר מקיים ווען אונז זאגן עס. ביים דאווענען זענען מיר דאס מקיים אביסל, אבער די רמב"ם האט עס נישט אויסגערעכנט ווי א מצוה, אבער מ'קען עס אנקוקן אין די וועג.

**Speaker 2:** די ערשטע מצוה, נישט פון די פסוק, אבער...

**Speaker 1:** רייט, די מצוה פון אנוכי, אבער יא.

**Speaker 2:** אקעי.

**אוחילה לאל — הקדמה צו מלכיות**

**Speaker 1:** שוין, ווייטער גייט מען מיט די נוסח פון מלכיות, **"ואחילו לקרא לך לפנים"**, און דאס איז דאך ביי אונז איז דאס א הקדמה צו די בעל תפילה'ס תפילה. די רמ"א לייגט עס דא אריין. ביי אונז זאגט מען עס אויך דא איידער חזרת הש"ץ.

**Speaker 2:** ניין.

**Speaker 1:** וואס הייסט ניין? וואו זאגט מען "ואחילו לקרא"?

**Speaker 2:** די בעל תפילה זאגט עס.

**Speaker 1:** נו, ווען זאגט עס די בעל תפילה? פאר ער הייבט אן מלכיות, זכרונות, און שופרות.

**Speaker 2:** וויטש איז ווען?

**Speaker 1:** דא, יא, גוט, אבער... ס'איז אמת אז ס'איז א שאלה. אבער אונז זאגן עס נישט ביי אונזער שמונה עשרה. דער רמב"ם זאגט אונז נאך דא די מלכיות זכרונות שופרות נישט די תוספות פון די שליח ציבור. ביי אונז איז דאס די תוספות פון די שליח ציבור.

**Speaker 2:** אמת, אמת.

**Speaker 1:** אבער ס'זעט טאקע אויס אזוי. אבער ס'איז "אשר בקל אלם אשירה עוזך" זעט אויס אביסל ניין?

**Speaker 2:** רייט, ס'זעט אויס אזויווי אונז פילן זיך אז ס'איז א נוסח פון די בעל תפילה, אז ער האט א שאילת רשות. אבער ס'איז נישט אנדערש ווי "ה' שפתי תפתח" וואס אונז זאגן יעדער איינער. וואס איז די חילוק?

**Speaker 1:** ניין, באמת איז די זאכן וואס א יחיד קען זאגן. ס'זאגט נישט ממש דירעקט א נטילת רשות, אזויווי וואס הייסט יענע שטיקל, די לענגערע שטיקל וואו די בעל תפילה בעט רשות?

**Speaker 2:** "ה' שפתי תפתח"?

**Speaker 1:** "ה' שפתי תפתח", יא. "אחילה לקל אחלה פניו", איך בעט, יא?

**Speaker 2:** "אוחילה" איז איך האף, א לשון "מייחל", יא?

**Speaker 1:** איך האף צו די אייבערשטער. "אחלה פניו", איך בעט.

**Speaker 2:** ניין, "אוחילה" איך האף, "אחלה" איך בעט.

**Speaker 1:** "ואשאלה ממנו מענה לשון", איך גיי אים בעטן מיין בקשה. "אשר בקל אלם אשירה עוזך", דאס הייסט איך גיי טון ביידע, איך גיי בעטן און שבח והודאה, אזויווי אלע תפילות איז ביידע. "אביע רננות ואזמרן פלאך", איך גיי מודה זיין, איך גיי דאנקען און מרומם זיין אויף די טובות וואס דער אייבערשטער האט מיר שוין געגעבן.

**"לאדם מערכי לב ומה' מענה לשון"**

